# עקב

א. אויף „והי׳ עקב תשמעון״ טייטשט רש״י: „אם המצות קלות שאדם דש בעקביו תשמעון״. דער מקור פון דעם פירוש איז אין מדרש תנחומא[1], אבער דארט איז דער לשון: „מצות קלות שאין בני אדם משגיחין בהן אלא שמשליכין אותן תחת עקביהן״[2].

דארף מען פארשטיין: בשלמא רש״י׳ס פירוש „שאדם דש בעקביו״ — אז דער מענטש „טרעט״ אויף די מצות (איז מזלזל אין זיי[3]) — איז מובן ווי דאס ווערט ארויסגעבראכט אין דעם לשון „עקב״, ווארום „דש״ ווערט געטאן „בעקביו״; אבער לויטן פירוש המדרש „שמשליכין אותן תחת עקביהן״ איז ניט גלאט (ע״ד הפשט): וואס פאר א שייכות האט דאס ארויסווארפן די מצות — ד.ה. זיי ניט מקיים זיין — צו „תחת עקביהן״ דוקא? אז מען איז ניט מקיים די מצות קלות, הייסט עס, אז מען ווארפט זיי אינגאנצן ארויס (ניט נאר „תחת עקביהן״).

ב. ווייטער שטייט אין מדרש, אז דאס איז וואס דוד המלך זאגט[4] „למה אירא בימי רע עון עקבי יסובני״: דוד זאגט, אז ער האט ניט מורא „מן מצות החמורות שבתורה״, נאר „מן מצות הקלות, שמא עברתי על אחת מהן אם עשיתי אם לא עשיתי מפני שהיתה קלה ואתה אמרת הוי זהיר במצוה קלה כבמצוה חמורה״.

איז ניט גלאטיק: זיכער איז דוד המלך געווען אפגעהיט אין אלע מצות, אויך אין מצות קלות, און ווי דער מדרש ברענגט גלייך דא ובהמשך[5] צו דער דרשה הנ״ל, אז דאס וואס דוד המלך זאגט[6] „גם עבדך נזהר בהם בשמרם עקב רב״, מיינט עס די „מצות קלות״ (און „עקב רב״ איז מרמז, ווי דער מדרש איז ממשיך, אויפן פסוק[7] „מה רב טובך אשר צפנת גו׳״, וואס דאס איז „שכרן של מצות קלות״) — היינט וויסנדיק אז „עבדיך נזהר בהם״ פארוואס זאגט ער „אני מתיירא מן מצות הקלות״[8]?

ג. איז די ערקלערונג אין דעם:

דער מדרש רעדט ניט וועגן איינעם וואס האלט אז מען דארף ח״ו ניט זיין זהיר אין מצות קלות (ומכל שכן ניט פון א מבזה די מצות — ער „טרעט״ אויף זיי). דא רעדט מען וועגן אזא וואס ער איז מסכים אז מען דארף מקיים זיין מצות קלות און איז זיך משתדל צו מקיים זיין זיי, נאר ער איז זיי „משליך תחת העקב״ — ער לייגט אפ זייער קיום אויף שפעטער און נאך שפעטער — ביז נאך דעם „עקב״.

ער טענה׳ט, פריער וועט ער זען אז „דער קאפ״ — ד.ה. די ענינים החמורים

1) ריש פרשתנו.

2) אבל ביל״ש תהלים (רמז תשנח) מסיים „וכה״א והי׳ עקב תשמעון מצות שאדם דש בעקביו״. ואולי כן היתה גירסת רש״י בתנחומא. ולהעיר ג״כ מע״ז יח, א. יל״ש תהלים רמז תרעו.

3) רש״י ע״ז שם ד״ה שאדם. ועוד. וברבותינו בעה״ת ריש פרשתנו משמע, שמפרשים „דש בעקביו״ בגשמיות.

4) תהלים מט, ו. וראה גם פרש״י עה״פ. זח״א קצה, ב. ועוד.

5) וכ״ה ביל״ש (ריש פרשתנו ותהלים רמז תשנח).

6) תהלים יט, יב.

7) תהלים לא, כ.

8) ראה גם עץ יוסף לתנחומא שם.

ביותר — זאלן זיין כדבעי: דערנאך ענינים וואס זיינען „נאענט" צו „דער קאפ", מצות נאענט צו זיי בחומרא וכו', און גאר צולעצט וועט ער טראכטן וועגן ענינים פון „עקב", און וואס נאך ווייטער: הידורים, לפנים משורת הדין וכיו"ב[9].

מען קען ניט אנהויבן פון דער פיאטע — טענה'ט ער — עס מוז זיין א סדר. און לפי הסדר דארף מען פריער אנ־הויבן מיט גאר נויטיקע ענינים, און כל זמן ער איז ניט פארטיק גאר אינגאנצן מיט זיי, האט ער ניט וואס צו טראכטן וועגן שאר ענינים ובפרט — פון לפנים משורת הדין, מילי דחסידותא וכדומה.

אז מען קומט צו א אידן און מען מאנט ביי אים אהבת ישראל, אז ער זאל ליב האבן (אפילו) א אידן וואס ער האט פון אים קיינמאל קיין טובה ניט געהאט און אפילו קיינמאל ניט געזען[10] — טענה'ט ער, וואס מאנט מען בא אים אזא דרגא אין אהבת ישראל, בשעת ער האלט נאך ניט כדבעי אפילו בא א סך פשוט'ערע דרגות. והראי', אז אפילו בשייכות צו א אידן וואס ער קען אים און האט געהאט פון אים א טובה, פאלט ער אמאל דורך אין „ואהבת . . כמוך" — כאטש ער איז זיך ניט חושד אין, ח"ו — משלם זיין רעה תחת טובה!

אזוי אויך, וואס מאנט מען פון אים אז ער זאל היטן די שיעורי חת"ת — לערנען אלע טאג די פרשה חומש מיט פירוש רש"י, זאגן אלע טאג דעם שיעור חדשי אין תהלים און דעם שיעור יומי אין תניא — בשעת ער פארפעלט אמאל פון פריערדיקע עניני התפלה!

זיין טענה איז: אמת אז די אלע ענינים דארף מען טאקע מקיים זיין, אבער ער האלט נאך ניט דערביי, דארף ער טאן און גיין מיט א סדר. א משך זמן (ביז עס וועט ווערן זיין הרגל — שלושים יום[11]) — בענינים עקרים וואס שטייען אין שו"ע, זאגן (וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען) און נאכדעם — במשך זמן הנ"ל — הוספות שלאחרי זה ביז'ן רמ"א און נאכדעם א משך זמן הנ"ל בעניני רמ"א והאחרונים, און נאכ־דעם — וועט ער אנהייבן פון לפנים משורת הדין, אן ענין פון חסידות וכו'.

ער זאגט זיך ניט אפ פון קיין זאך ח"ו, אבער אלץ דארף גיין מיט א סדר.

— מ'האט אמאל גערעדט מיט איינעם וועגן אהבת ישראל באופן דלפנים משורת הדין וכו' — זאגט ער עס איז ניט קיין סדר. און ער האט אויף דעם א גרייטן משל[11*]: איינער גייט אין גאס אן שיך, אן א העמד וכו' — אבער ער טראגט אויפן האלז א „טאי" (עניבה)...

ד. אע"פ אז ע"פ שכל — און אויך שכל דקדושה[12] — האט אזא טענה לכאורה אן ארט, איז אבער דער אמת ועיקר גדול אז עבודת ה' דארף זיך אנ־הויבן מיט אמונה וקבלת עול און ניט מיט א חשבון ע"פ שכל. און מצד אמונה וקבלת עול, איז ער זהיר (ניט נאר — מקיים) במצוה קלה כבחמורה — און אויך אין דער זהירות שבמצוה איז ביי אים מיט דעם גאנצן שטורם במצוה קלה.

---

9) ראה דברי דוד (להט"ז) ריש פרשתנו. ובמדרש לקח טוב: דקדוקי המצות.

10) היום יום ע' קיג.

11) ראה שו"ע או"ח סקי"ד ס"ח. שו"ע אדה"ז שם ס"י.

11*) ע"ד סוטה ח, ב.

12) ראה לקמן הערה 15. ולהעיר ממו"ק ט, סע"א.

די נקודה פון אלע מצות[13] — מצוה מלשון צוותא וחיבור[14] — וואס דורך מצות ווערט מען צוגעבונדן מיט עצמות ומהות א״ס ב״ה — איז ביי אלע מצות גלייך, אן קיין אונטערשייד צווישן מצות חמורות און מצות קלות, „ראש״ אדער „עקב״. אין דעם ענין האט ניט קיין ארט צו טראכטן וועגן א סדר[15] פון ראש מיט עקב — צי עס איז א זאך וואס איז נתגלה געווארן דורך אנשי כנסת הגדולה אדער דורך א תלמיד ותיק אחרון שבאחרונים — וויבאלד ער ווייס אז מיט דעם פארבינדט ער זיך מיט עצמות ומהות א״ס ב״ה.

דער יצר הרע איז אבער אן „אומן״[16] במלאכתו — ווי דער רבי פלעגט אים רופן: „דער קלוגינקער״ — האט ער ממציא געווען טענות מסודרות פון „סדר״, און בכדי עס זאל נתקבל ווערן האט ער צוגעפאסט משלים וכו׳.

מוז מען וויסן אז דאס איז עצת היצר, און דער תנאי פון קבלת התורה און אידישקייט איז נעשה קודם לנשמע, דקדמיתו פומייכו לאודנייכו[17] היפך הסדר. און נאכמער זאגט דער נביא[18] „מי עור כי אם עבדי״ — אויף „עבדי״, וועט מען זאגן אז ער איז אן „עור״[19]. ווען איינער טענה׳ט אז מען דארף דינען דעם אויבערשטן מיט א סדר ווי אן עבד דינט זיין אדון — ניט מיט שכל נאר מיט אמונה וקבלת עול — וועט מען זאגן אז אזוי פירט זיך אויף א בלינדער ר״ל. ע״פ שכל דארף זיין דער סדר אז מען דארף אנהויבן מיט שכל און דערנאך . . . וועט מען זען. אויב שכל וועט חוקר ודורש זיין ע״פ שכל און שכל וועט מחליט זיין אז שכל איז ניט מספיק, וועט מען נוצן אמונה. אבער — אנהויבן מיט אמונה?!

ה. דער רבי דער שווער האט דערציילט, אז ווען די קינדער — די קינדער פון רבי׳ן — זיינען געווען קליין, האט מען פאר זיי גענומען א מלמד. דער מלמד האט געהאלטן אז קינדער דארף מען ניט דערציילן ענינים ביהדות פון הבהלה — מופתים וואס זיינען ניט ע״פ שכל, עניני פלאים וואס לייגן זיך ניט אין שכל. דאס איז פאר ערוואקסענע וואס באנעמען כדבעי די ענינים שע״פ שכל, דאן קענען זיי צונעמען ענינים פון מופתים. אבער ביי קינדער איז דאס נאר מבהיל את הרעיון[20], מיט זיי — האט געהאלטן דער מלמד — דארף מען ריידן נאר עניני יהדות שע״פ שכל. ווען דער רבי (מהורש״ב) נ״ע האט זיך דערוואוסט וועגן דעם מלמד׳ס שיטה, האט מען אים באלד אפגעזאגט.

מען דארף אנהויבן דוקא מיט אמונה וקב״ע און ניט מיט שכל; אויך די ענינים

---

13) כברכת כל המצות: אשר קדשנו במצותיו וצונו.

14) לקו״ת בחוקותי מה, ג. ד״ה רבי אומר ה׳ש״ת (ספ״א ואילך). ובכ״מ.

15) ראה מכתב כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע במבוא לקונטרס ומעין ע׳ 22.

16) ראה שבת קה, ב.

17) שבת פח, סע״א.

18) ישעי׳ מב, יט. וראה ירמי׳ כט, כו (וכפי׳ הרד״ק). הושע (ט, ז) „משוגע איש הרוח״ (וכפי׳ הראב״ע ומהרי״י קרא שם).

19) כפי׳ הרד״ק עה״פ.

20) ראה גם ספר התולדות אדה״ז (קה״ת תשכ״ז) ע׳ קעו (בהוצאת תשמ״ו — ח״ב ע׳ 561): המשכיל (שמעון הכופר) כשנכנס לאדה״ז שאלו אדה״ז בתוך הדברים איך הוא מפרש הפסוק ויחרד יצחק חרדה גדולה עד מאד, וענה שאינו מפרש כפירוש רש״י בשם המדרש שגיהנם פתוחה לו מתחתיו, כי אין להלאות את מוחות התינוקות הרופפים בדברי אגדה בכלל ומה גם בדברים המפחידים כו׳ במה שלא יוכל התינוק גם לשער כו׳.

המובנים בשכל דארף מען טאָן מיט קב"ע. און אַזוי איז אויך אין ענין החינוך: מען דאַרף דערציילן קינדער ענינים פון מופתים, וואָס זיינען העכער פון שכל, דאָס פלאַנצט איין אין זיי אמונה. און די טענות אַז דאָס איז ניט קיין סדר, און לאיזה צורך דאַרף מען אָנהויבן מיט ענינים המבהילים את הרעיון והדומה — קומען פון דעם יצה"ר, דער מלך זקן וכסיל[21].

ו. דערמיט וועט מען אויך פאַר־שטיין וואָס דוד המלך זאָגט „למה אירא בימי רע עון עקבי יסובני" — אַז זיין מורא איז פון „עון עקבי":

די מורא פון דוד המלך איז געווען (ניט אַז ער איז ח"ו ניט נזהר אין מצות קלות[22] — ער האָט געוואוסט אַז „עבדך נזהר בהם בשמרם עקב רב" (כנ"ל ס"ב) — נאָר) פון דעם, אַז אפשר האָבן מצות קלות בא אים ניט די זעלבע מאָס תוקף און זהירות ווי מצות חמורות[23]. ער איז מקיים אַלע מצות ובזהירות, אָבער אפשר האָט דער חשבון וידיעה, אַז דאָס איז אַ מצוה וואָס איז שייך צום „ראש", און די מצוה — צום „עקב" — אַ השפעה אויף מידת הזהירות וההידור — עס איז ניט גלייך זיין רץ[24] וזהיר במצוה קלה כבחמורה — און דערפאַר איז „לא עשיתי" (וואָרום ס'איז ניט געווען כדבעי לי' למיעבד), און דערפאַר „למה אירא בימי רע עון עקבי יסובני":

„בימי רע" גייט אויף ימי הנהגת הטבע, וואָס אידן זיינען ככבשה אחת בין שבעים זאבים[25], ביז אַז אפילו ענינים פון פרנסה זיינען (כפתגם רבותינו נשי־אינו[26]) אַן ענין פון „מן" שלמעלה מהטבע, וואָרום מצד צוק העתים כו' ובפרט אין זמן הגלות, קומט פרנסה (בשלימותה) למעלה מדרכי הטבע.

ובשעת אַ איד מאַכט חשבונות בתורה וואָס איז מן השמים, פון ראש מיט עקב, און פירט זיך ע"פ חשבון ושכל זה, במדידה והגבלה זו, פירט מען זיך מיט אים ר"ל מלמעלה אויך אַזוי, לויט דער מדידה והגבלה, עס ווערט, ר"ל „בימי רע".

בשעת אָבער מ'מאַכט ניט די חשבונות הנ"ל, אים איז נאָר נוגע ער זאָל זיין פאַרבונדן מיט'ן אויבערשטן, מיט עצמות ומהות א"ס ב"ה, ובמילא איז בא אים דער גאַנצער שטורם פון מסנ"פ און קבלת עול פון אַן עבד ובן צום אויבערשטן סיי ווען ער טוט אַ מצוה וואָס איז פאַרבונדן מיט ראש, סיי — מיט עקב, אַבי עס פאַרבינדט עם מיט עצמות ומהות א"ס ב"ה — דאַן, פירט מען זיך מיט אים אויך אַזוי מלמעלה.

---

21) קהלת ד, יג וקה"ר שם.

22) ולשון המדרש „שמא עברתי כו' לא עשיתי" — י"ל, שהוא ע"ד הלשון (יומא לג, סע"א. ושי"נ) „אין מעבירין על המצות", שלא הי' זריז בהן כדבעי, ולא עשיתי — כבכתובות (סו, סע"ב ושם): לא עבד כו' כדבעי לי' למיעבד לא עבד.

בס' זכרון (לפרש"י) ריש פרשתנו, „וכן הי' דוד . . שמא בסרתי אחת מהן כלומר בזיתי כו'". אבל בתנחומא לפנינו, לשון זה הובא אח"כ בקשר להפסוק „בשמרם עקב רב" — „שמא . . בסרתי בהן ח"ו אלא גם עבדך נזהר בהם בשמרם עקב רב".

23) כסיום לשון המדרש שם „ואתה אמרת הוי זהיר במצוה קלה כבמצוה חמורה".

24) אבות פ"ד מ"ב. וראה תויו"ט שם. לקו"ש חי"ז ע' 371 ואילך.

25) תנחומא תולדות ה. אסת"ר פ"י, יא. פסיקתא רבתי פ"ט.

26) סה"מ תש"ט ע' 21. וראה בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 176 ואילך.

און דאן דאַרף ער ניט מורא האָבן פאַר קיין שום זאַך. וויבאַלד ער איז מקושר מיט עצמות ומהות א״ס ב״ה, און דער אויבערשטער איז דאָך מושל ושולט אויף אַלץ, כולל כפשוט — הנהגת הטבע, במילא איז גדול הרועה ששומר את הכבשה[27] און ער פאַר־זאָרגט איר „בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני"[28], בבני חיי ומזונא רויחא צו יעדערן און יעדערע.

עס ווערט ווי ער זאָגט אין דער פרשה[29]: „והי׳ עקב תשמעון" — והי׳ לשון שמחה[30], „עקב — תשמעון", תשמעון די מצות פון עקב פונקט ווי די מצות של ראש — איז „ושמר הוי׳ אלקיך לך את הברית גו׳", און עס ווערן נמשך אַלע השפעות טובות[31] וואָס דער פסוק רעכנט אויס — „ואהבך וברכך והרבך וגו׳. ברוך תהי׳ מכל העמים" —

ובקרוב ממש „על האדמה אשר נשבע לאבותיך לתת לך".

(משיחת ש״פ עקב תשי״א)

27) תנחומא ואסת״ר שם.

28) תהלים כג, ב.

29) ריש פרשתנו.

30) ב״ר פמ״א, ב (קרוב לסופו). ועוד.

31) ראה גם לעיל בפנים סוף סעיף ב.

# עקב ב

א. אין פסוק [1] „כל המצוה אשר אנכי מצוך היום תשמרון לעשות וגו׳״ שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „כל המצוה״ און איז מפרש: כפשוטו, ומדרש אגדה [2] אם התחלת במצוה גמור אותה וכו׳ (כדלקמן סעיף ב).

וואס איז שווער אין דעם ערשטן פירוש — „כפשוטו״ — וואס צוליב דעם דארף רש״י ברייגגען א צווייטן פירוש, און דערצו נאך פון „מדרש אגדה״?

זיינען מפרשים [3] מסביר, אז אין פסוק איז שווער דער לשון „כל המצוה״, וואס „מצוה״ איז א לשון יחיד — איין מצוה, און די משמעות פון „כל״ איז — אלע מצות.

דארף מען זאגן, אז דער טייטש אין „כל (המצוה)״ דא איז (ניט „אלע מצות״, נאר) „יעדע מצוה״. עס בלייבט אבער ניט פארשטאנדיק: לפ״ז האט געדארפט שטיין „כל מצוה״ (אן א ה״א) [4] — ניט „כל המצוה״?

דעריבער זאגט רש״י — „כפשוטו, ומדרש אגדה וכו׳״: ניט קוקנדיק אויף די שוועריקייט אין ערשטן פירוש, „כפשוטו״, איז דאך דאס דער פירוש ראשון ועיקרי (אין פשוטו של מקרא); אבער כדי צו פארענטפערן די שאלה הנ״ל, ברייגגט רש״י א צווייטן פירוש (פון מדרש אגדה) — „אם התחלת במצוה גמור אותה״ — וואס לויט דעם פירוש רעדט טאקע דער פסוק וועגן איין מצוה, און דער לשון „כל המצוה״ מיינט, אז מ׳דארף טאן די גאנצע מצוה [5] (און ניט א מקצת פון א מצוה).

כד דייקת אבער, קען מען ניט זאגן אז רש״י איז אויסן צו באווארענען אט די קשיא, ווייל [6] דער זעלבער לשון — „כל המצוה״ — שטייט שוין פריער אין חומש [7], און רש״י שטעלט זיך דארט ניט אפ [8] אויף דעם; מוז מען זאגן, אז דאס איז (ביי רש״י) קיין קשיא ניט [9], ווייל אויך „כל המצוה״ קען (לויט רש״י) מיינען — אלע מצות [10].

וא״כ הדרא קושיין לדוכתא: וועלכע שוועריקייט איז דא אין „כל המצוה״ וואס שטייט אין אונזער פרשה, וואס

1) פרשתנו ח, א.

2) תנחומא עה״פ ו (בשינוי לשון).

3) ראה רע״ב, גו״א ומשכיל לדוד. ועוד.

4) ע״ד — לפני זה: כל חולי (ז, טו).

5) בבאר מים חיים ושפ״ח — שהוא מלשון כלה, ויכל, לגומרה. וכן משמע מדב״ר פ״ח, ד: למי שממציא אותן מנין שנאמר כל המצוה מהו כל המצוה עד שתכלה כל המצות. ראה מת״כ שם (ובדברים רבה ירושלים תשכ״ד „עד שתכלה כל המצוה״). אבל רש״י לא מוציא תיבת „כל״ ממשמעותה, ובפשטות פירוש „כל המצוה״ היינו שיעשה כולה. וכ״מ מתנחומא שם „הוי גומר את כולה״. וראה בחיי כאן: ובמדרש אלה הדברים רבה כל המצוה כלה מצוה עד שתכלה כל המצוה ובאור זה כו׳ ועוד דרשו כו׳ — ע״ד ל׳ רש״י שלפנינו.

6) ומ״ש בגו״א כאן „ואין לומר דלכך כתב המצוה דקאי על כל התורה כולה כו׳ לא שייך כו׳ היום דלא נצטוו באותו יום בכל התורה״ — ראה לקמן בפנים ס״ד.

7) ואתחנן ה, כח. ו, כה.

8) וכן לקמן עקב יא, ח. כב. ראה טו, ה. שופטים יט, ט. תבא כז, א (וראה גם וילך לא, ה). ואולי יש לחלק דברוב מהנ״ל (לבד דעקב יא, ח. ותבוא שם) נאמר „המצוה הזאת״.

9) ולהעיר מפרש״י ויצא לא, יג „דרך המקראות לדבר כן״.

10) בראב״ם: ששם מצוה הוא שם המין וכאילו אמר כל המצות. וראה דבק טוב.